גוט שבת אלע אידן. ראובן קפלון (זיין עכטע נאמען) איז א חרדישער איד וואס וואוינט אין ירושלים נישט ווייט אוועק פון דעם באקאנטען "מאה שערים" געגענט. ראובן וואס איז בערך פונף און דרייסיג יאר אלט, איז אמאל געגאנגען צו איינע פון די צענטליגע ספרים געשעפטן אין דעם געגענט. ער איז גלייך געגאנגען צו די שאפע וואו עס זענען געליגן די נייערע ספרים, ד״ה ספרים וואס זענען לעצטענס געדריקט געווארן. אין מיטן דורכקוקן די נייע ספרים האט ער געזען איין ספר וואס האט געהאפט זיין אינטערעס.

בשעת ער האט אריינגעקוקט אין דעם ספר, האט ער באמערקט אינעם עק פון איין אויג, אז א מענטש שטייט אין אנדערן חלק פונעם געשעפט און ער קוקט אויף ראובן מיט א שטארקן בליק. שפירענדיג נישט באקוועם, האט ראובן צוריקגעקוקט אינעם ספר אזוי ווי צו מאכן נישט וויסענדיג פון יענעם מענטש וואס האט שטארק געקוקט אויף אים. ראובן איז שטארק פארטיפט געווארן אין דעם ספר. א מינוט צוויי שפעטער האט ראובן שוין נישט געקענט זיך צוריקהאלטן, ער האט אויפגעהויבן זיין אויגן צו זען אויב יענער קוקט אויף אים נאכאלץ.

ראובן האט געזען אז דער מענטש קוקט טאקע אויף אים אזוי ווי פריער. עפעס מאדנע מוז דא זיין. ראובן האט אנגעהויבן צו שפירן מוראדיג אומבאקוועם. ער האט ווייטער אריינגעקוקט אין דעם ספר. אפאר מינוט שפעטער האט ראובן געשפירט א האנט אויף זיין אקסעל. ער האט געדרייט זיין קאפ צו זען אז עס איז טאקע געווען יענער מענטש. יענער מענטש האט געפרעגט ראובן, אויב ראובן פלאנט צו קויפן יענעם ספר.

"יא," האט ראובן געענפערט, שפירענדיג נערוועיז אז יענער איז צוגעקומען צו אים. "איך קען עס אפשר האלטן?" האט יענער געזאגט בשעת ער האט אויסגעשטעקט זיין האנט. ראובן האט נישט געוואוסט וואס צו טון. ער האט געוואלט מלמד זכות זיין אויף יענעם, אבער עס איז זייער שווער געווען, צוליב יענעם'ס מאדנע אויפפירונג. עס זענען דארט געווען אסאך פון יענע מין ספר, פארוואס האט יענער דווקא געוואלט האלטן דעם ספר וואס ראובן האט גענומען. ראובן האט זיך מיישב געווען אז ער וועט איבערגעבן דעם ספר, אפשר מיט דעם וועט ער מפייס זיין יענעם.

נאכדעם וואס יענער האט געהאלטן דעם ספר אפאר סעקונדעס, האט ער עס צוריקגעגעבן צו ראובן און ער האט געפרעגט ראובן אויב ער מעג באצאלן פארן ספר. ראובן האט אים געענפערט "ניין, ב״ה איך האב גענוג געלט צו צאלן פאר דעם ספר, אבער איך בין זייער דאנקבאר פאר דיין פארשלאג." ראובן האט אנגעהויבן צו האבן גרויס רחמנות אויפן מענטש, פארוואס וויל א פרעמדער מענטש קויפן פאר אים א ספר. ער האט געוואוסט אז עפעס איז נישט אין ארדנונג מיטן מענטש.

אבער, אויב ער וויל צאלן פארן ספר, וועט ער אים לאזן, האט ראובן געטראכט. ראובן איז נאר שטארק נייגעריג געווען צו וויסן פארוואס יענער האט אים געוואלט קויפן דעם ספר.

דערפאר האט ראובן אים געזאגט, "איך בין גרייט אייך צו לאזן מיך קויפן דעם ספר, איך וויל אבער וויסן פארוואס דו וואלסט אזוי שטאק צאלן פארן ספר?"

ראובן האט קיינמאל נישט פארגעשטעלט צו הערן וואס דער מענטש וועט זאגן. דער מענטש'ס ענטפער האט אים אויפגעשאקעלט. פאר מיר גיין ענדיגען דעם מעשה לאמיר אביסל רעדן פון עניינים אין דעם מעשה וואס האבן א שייכות צו דער פרשה. דער פרשה די וואך דערמאנט די מצוה צו ציילן די וואכן בעפאר קבלת התורה. פארוואס ציילט מען די טעג? ווייל מען וויל וויזן ווי חביב די תורה איז צו אונז. יעדען טאג איז איין טאג נענטער...

דער מענטש האט געענטפערט ראובן אזוי: "איך בין בלינד... און איך גיי קיינמאל נישט קענען זען אדער אריינקוקן אין א ספר. וועגן דעם וויל איך דיך קויפן דעם ספר פאר דיך און כדי דו זאלסט לערנען ווי מער עס איז מעגליך. און טאמער עס וועט קומען אמאל א צייט וואס איינער וועט דיך שטערן אדער טאמער דו וועסט ווערן מיד, און וועגן דעם דעם וועסטו נישט וועלן לערנען פון דעם ספר, וויל איך, דו זאלסט מיך געדענקן און דעמאלט וועסטו נישט אויפהערן צו לערנען."

ראובן האט אפגעוואושט די טרערן בשעת דער בלינדען מענטש האט ארויסגענומען דעם געלט און אפגעצאלט דעם ספר. ראובן האט שטארק באדאנקט דעם איד און ער האט אים אנגעוואונשן אז די זכות זאל אים ביישטייען. נאכדעם וואס דער מענטש איז ארויסגעגאנגען פונעם ספרים געשעפט, האט דער בעל הבית פון דעם ספרים געשעפט געזאגט צו ראובן אז דער בלינדער איד טוט דאס אפאר מאל יעדע וואך אין זיין געשעפט.

ראובן איז געווארן שטארק נתפעל פון דעם געשעניש. ער איז ארויסגעגאנגען פונעם געשעפט מיט פרישע כוחות צו וועלן לערנען די הייליגע תורה מיט התלהבות. ווען ער איז אהיימגעקומען, האט ער זיך גלייך גענומען לערנען דעם ספר. און ווען ער איז געווארן מיד אדער איינער האט געוואלט אים שטערן פונעם לערנען האט ער זיך דערמאנט וועגן דעם סגי נהור, און דעמאלט איז ער נישט אזוי שנעל מיד געווארן.

יעצט אז מיר גרייטן זיך צו צום קבלת התורה קענען מיר אלע נתחזק ווערן אין דעם ענין פון קביעת עתים לתורה, און מיר וועלן נישט אזוי שנעל לאזן יענעם שטערן דאס לערן אדער ווערן מיד מיטן לערנען. דורך דעם וועלן מיר אלע זוכה זיין צו מקבל זיין די תורה ווי עס דארף צו זיין, בשמחה און מיט התלהבות. **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב למוה״ר ישראל משה דירנפעלד שליט״א לרגל שמחת לידת נכדו אצל חתנו משה ישראל אדלער הי״ו
לע״נ ר׳ מרדכי בן ר׳ צבי אלימלך ע״ה
נתרם לרפו״ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים בתשח״י
לע״נ אברהם בן ליפא ע״ה • לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי׳ וואלפבערג 3234–362 (845)
**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין דף זה לאחר התפילה**